# פרשת חקת ג׳ – ט׳ תמוז תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת חקת***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **דוד אברהם ליבערמאן** הי״ו. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **ישעי׳ אייגנער** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כתה ח׳ של התלמוד תורה בוומסב״ג (תלמידי הרב **אברהם הערש וואזנער** שליט״א) להבחן על כל מסכת מכות שלמדו במשך השנה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר״ר **אליעזר בלומענפעלד** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **יוסף ליסוער** הי״ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא.

אחר החופה מסר **רבינו שליט״א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או״ח הל׳ ברכת הפירות סימן ר״ח סעיף ז׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בדרשת פרקי אבות בשבוע העעל״ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זאגט ביי הלל די פסוקים פון תהלים (קטו-יז) לא המתים יהללו י-ה, נישט די מתים קענען דאנקען דעם אייבערשטען, ולא כל יורדי דומה. ואנחנו, אונז וואס מיר לעבן, נברך י-ה, מיר קענען דאנקען דעם אייבערשטען, מעתה ועד עולם, הללוי-ה. די מפרשים אויפן פלאץ זאגען, אז עס איז נישט קיין חילוק צווישן די צוויי ווערטער ׳מתים׳ און ׳יורדי דומה׳, עס איז די זעלבע. יורדי דומה איז דער טייטש, א מענטש שטארבט, און מען לייגט אים אריין אין קבר, גייט ער אויף א פלאץ וואו עס איז שטיל. דומה, עס איז א שטילקייט. לא המתים יהללו י-ה, און ער חזר׳ט איבער מיט א אנדערע אויסשפראך, ולא כל יורדי דומה.

**איך** האב אמאל געהערט פון **רבי שמואל וואזנער זצ״ל**, דער **שבט הלוי**, האט ער געזאגט, עס איז דאך היינט דא ליידער די מחלה אלטסהיימער״ס וואס מענטשען אויף די עלטער אסאך מאל פארלירן דעם דעת. און דער סוף איז, אז מען הערט אויף צו רעדן, אבער מען לעבט. האט ער געזאגט, די ווערן אנגערופן יורדי דומה, זיי גייען אראפ צו א שווייגעניש, זיי רעדן מער נישט. זאגט דער פסוק, לא המתים יהללו י-ה, נישט די מתים קענען דאנקען דעם אייבערשטען, ולא כל יורדי דומה, אפילו ווען מען לעבט, טאמער עס ווערט יורדי דומה, קען מען אויך נישט דאנקען דעם אייבערשטען, ואנחנו נברך י-ה, אונז קען מיר יא לויבן דעם אייבערשטען.

*

**עס** קען זיין א שייכות צו די פרשה די וואך, משה רבינו האט געזאגט פאר די עדת קרח, טאמער דער אייבערשטער וועט באשאפן א נייע בריאה, די ערד וועט עפענען דאס מויל, און עס וועט איינשלינגען די אלע, וועט מען וויסן אז דער אייבערשטער האט מיך געשיקט, און נאצו האנשים האלה את ה׳ (במדבר טז-ל), די מענטשען האבן מנאץ געווען דעם אייבערשטען. און דער פסוק זאגט, אז תיכף ווען משה רבינו האט דאס געזאגט, האט זיך תיכף געעפענט די ערד, און עס האט איינגעשלינגען קרח, ואת כל האדם אשר לקרח, און אלעס וואס קרח האט געהאט, און זיי זענען ירדו חיים שאולה, זיי זענען אראפגעגאנגען לעבעדיגערהייט אין שאול. עברי מיט טייטש וואלט דאס געטייטשט, אז זיי זענען אראפגעגאנגען חיים שאולה, און זיי זענען תיכף געשטארבען. מען קען דאך נישט בלייבען לעבן אונטער די ערד, זענען זיי אויסגעגאנגען, שם תהא קבורתכם.

**דער** מדרש (במדב״ר יח-יט) ברענגט צו א יש אומרים, אז זיי זענען חיים וקיימים לעולם, זיי זענען אריינגעגאנגען לעבעדיגערהייט, און זיי זענען געבליבן לעבן. נאר אנשטאט צו לעבן אויף די וועלט, לעבן זיי דארט, און זיי לעבן נאך היינט אויך. אויף די וועלט דארף מען שטארבען, אבער ווען מען איז שוין אין שאול, קען מען אויך בלייבען לעבן. און עס איז א גמרא אויך, די גמרא (בבא בתרא עד.) זאגט, אז ווען מען איז אדורכגעגאנגען אין מדבר, האט מען געוויזען די פלאץ פון די בליעה פון קרח, און מען האט נאך געהערט ווי זיי זאגען משה אמת ותורתו אמת. זאגט דער **רשב״ם**, וואס איז טייטש אז מען

האט געהערט ווי זיי זאגען משה אמת ותורתו אמת, א טויטער מענטש קען נישט רעדן. ווי אזוי האט ער געקענט הערן משה אמת ותורתו אמת. זאגט דער רשב"ם, זיי זענען דאך ירדו חיים שאולה, זיי זענען אראפגעגאנגען לעבעדיגערהייט, זענען זיי דאך חיים, און אז זיי זענען חיים, קענען זיי זאגען משה אמת ותורתו אמת. זעהט מען אויך פון דעם רשב"ם, אז ער האט געלערנט, אז זיי זענען געבליבן לעבן שפעטער אויך.

**דער של"ה הק'** (בפרשתנו בהג"ה ד"ה צא) די וואך זאגט, פארוואס האט משה רבינו געבעטן אז זיי זאלן אראפגיין לעבעדיגערהייט אין שאול. זאגט ער, א מענטש ווילאנג ער לעבט, קען ער תשובה טון אויף וואס ער האט געזינדיגט, אבער ווען ער גייט אוועק פון די וועלט, איז שוין נישט דא קיין תשובה. וואס מען האט אויפגעטון ביים לעבן, האט מען אויפגעטון. משה רבינו האט רחמנות געהאט אז די אלע וועלן אוועקגיין פון די וועלט, און זיי וועלן נישט האבן קיין געלעגענהייט תשובה צו טון אויף וואס זיי האבן געטון. האט ער מתפלל געווען אז זיי זאלן אראפגיין חיים שאולה, זיי זאלן אראפגיין לעבעדיגערהייט, און אז זיי וועלן לעבן, וועלן זיי נאך קענען חוזר זיין. און מען זעהט טאקע אז זיי זענען עומד בתשובה, זיי זאגען משה אמת ותורתו אמת, ווייל אז זיי זענען חיים שאולה, קענען זיי נאך אלץ תשובה טון.

**עס** איז ניתן להאמר, אפילו ווען מען גייט אראפ חיים שאולה, און מען קען תשובה טון, אבער האבן די זכות אז מען זאל קענען ווייטער לויבן דעם אייבערשטען, האבן זיי נישט. דאס איז נאר ווילאנג א מענטש געפונט זיך אויף די וועלט. מען געפונט אין די גמרא (חולין צא:) אז אפילו מלאכים אויבן אין הימל, איז דא וואס קענען נאר לויבן דעם אייבערשטען איין מאל אין זייער לעבן, איין מאל אין פופציג יאר. די גמרא רעכנט אויס, אז די מלאכים קענען אויך נישט לויבן דעם אייבערשטען שטענדיג. איז מה דאך מלאכי מעלה וואס געפונען זיך אויבן, האבן נישט דעם כח שטענדיג מהלל צו זיין דעם אייבערשטען, אוודאי אז מענטשען אפילו זיי זענען אראפגעגאנגען חיים שאולה, זיי געפונען זיך דארט לעבעדיגערהייט, אבער מהלל זיין דעם אייבערשטען דאס איז נאר געגעבן געווארן פאר לעבעדיגע מענטשען. איך בין מסופק צו אפילו אין גן עדן, צו עס איז דא דער ענין פון הילול ה'. מען קען טאקע נהנה זיין מזיו השכינה, אבער עס זאל שייך זיין, אז ער איז גרעסער פון א מלאך דארט אויך, אז ער קען מהלל זיין דעם אייבערשטען שטענדיג, אפשר ווייל ער איז געשטארבען, קען ער נישט זיין בעסער פון א מלאך אויבן אין הימל, וואס קען אויך נישט מהלל זיין דעם אייבערשטען שטענדיג. אבער על כל פנים, ביי די רשעים וואס זענען אראפגעגאנגען חיים שאולה, אפילו זיי קענען תשובה טון, אבער עס איז נאכנישט קיין הכרח אז זיי קענען מהלל זיין דעם אייבערשטען.

**קומט** אויס אז עס איז דא צוויי ערליי מענטשען וואס גייען אוועק פון די וועלט. עס איז דא מתים, יעדער מענטש ווען עס קומט די צייט און ער שטארבט. נאכדעם איז דא די וואס גייען אראפ חיים שאולה, זיי גייען אוועק פון די וועלט לעבעדיגערהייט, די זענען יורדי דומה, זיי זענען נישט קיין מתים, זיי זענען חיים, אבער זיי זענען אראפגעגאנגען אויף א פלאץ וואו עס איז דומה. זאגט מען 'לא המתים יהללו י-ה', נישט די מתים קענען מהלל זיין דעם אייבערשטען, 'ולא כל יורדי דומה', און די זעלבע איז די וואס זענען אראפגעגאנגען חיים שאולה, די קענען אויך נישט מהלל זיין. 'ואנחנו נברך י-ה מעתה ועד עולם הללוי-ה', ווילאנג מען לעבט, און מען איז ביי די כוחות, און מען האט דעם קאפ, מען קען רעדן, דארף מען אויסנוצן די צייט אויף לויבן און דאנקען דעם אייבערשטען.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **דוד אברהם ליבערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אונסדארף.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **שלמה זלמן** (ב"ר אהרן הערש) **עלבויגען** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוסף שטרייכער** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת חקת</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אהרן פריעד** הי"ו. אחר התפלה התקיים הברית של בן

הר"ר **נפתלי מאיר האפפמאנן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה. אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה די מצוה פון פרה אדומה, זאת חקת התורה אשר צוה ה' (במדבר יט-ב). די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס שטייט זאת חקת 'התורה', עס וואלט געדארפט שטיין זאת חקת 'הפרה', אדער זאת חקת 'הטהרה'. פארוואס שטעלט ער עס אוועק אז דאס איז חקת התורה.

**אין** יעדע מצוה איז דא א חלק וואס מען קען זיך אראפלערנען דערפון וואס עס איז נוגע צו תורה. די מצוה פון פרה אדומה האט מטהר געווען טמאים. פרה אדומה איז געווען די גרעסטע טהרה וואס איז שייך, זאכן ווי אבי אבות הטומאה, טומאת מת, וואס האט נישט קיין טהרה פון עפעס אנדערש, פון דעסטוועגן דאך האט עס פרה אדומה מטהר געווען. און טהרה איז א חלק פון תורה, יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), זה הנושא אשה ואחר כך לומד תורה בטהרה (יומא עב:). כדי מען זאל זוכה זיין צו תורה, דארף מען האבן טהרה. אויב עס פעלט טהרה, האט די תורה נישט קיין חשיבות.

**קומט** אויס אז די חוקה פון פרה אדומה וואס איז מטהר טמאים, איז נישט נאר א חוק וואס איז נוגע צו פרה אדומה, עס איז חקת 'התורה', דאס איז די חוק פון די תורה. כדי מען זאל קענען משיג זיין תורה, איז וויכטיג צו האבן דעם חק פון פרה אדומה. כמדומה אז עס שטייט פונעם **חיד"א** אויף דעם **אר"י הק'**, צו אויף **רבי חיים וויטאל**, אז עס איז זיכער אז מען האט זיי מטהר געווען מיט אפר פרה, כדי זיי זאלן קענען זוכה זיין צו אזעלכע גרויסע השגות. די חוקה פון די פרה, דאס איז די חוקה פון די גאנצע תורה.

**און** עס איז נאך מער. די חוקה פון פרה אדומה איז בעצם, ווי מען לערנט פשוט פשט, אז עס איז מטהר טמאים און מטמא טהורים. יעדע זאך, אויב איז עס מטהר, איז עס א דבר טהור. און אויב עס איז מטמא, איז עס א דבר טמא. אז עס זאל קענען זיין, אז די זעלבע זאך איז פון איין זייט מטהר טמאים, און פון די אנדערע זייט די אלע וואס זענען עוסקים בה ווערן טמא, דאס איז א חק. מיטן מענטשליכען שכל איז נישט פארשטענדליך, אז א זאך זאל קענען זיין סיי א מטהר, און סיי א מטמא.

**די** תורה הק' איז אויך די זעלבע. די תורה הק' איז מטהר טמאים, ווען א מענטש לערנט תורה איז עס אים מטהר. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), עס איז נישט דא קיין גרעסערע טהרה ווי לימוד התורה. אבער דאס איז נאר ווען מען לערנט תורה ערליך, תורה לשמה. אבער תורה שלא לשמה, זכה נעשית לו סם חיים, לא זכה נעשית לו סם המות (יומא עב:), די זעלבע תורה אויב מען לערנט עס נישט ערליך, ברענגט עס אראפ פונעם ריכטיגען וועג. קומט אויס, אזוי ווי ביי פרה אדומה איז דא אז עס איז מטהר טמאים, און עס איז מטמא טהורים. די זעלבע איז חקת התורה, אויב מען לערנט תורה ערליך, איז תורה מטהר טמאים. אבער אז מען לערנט תורה וואס איז נישט ערליך, איז די תורה מטמא טהורים.

*

בשעות אחר הצהרים ביקור **רבינו שליט"א** יחד עם חברי הנהלת הישיבה, אצל הבנין ושטח החדש של הישיבה גדולה, ההולך ונבנה ברחוב גלענוואוד (איסט פלעטבוש). **רבינו שליט"א** סייר בתוך היכל הבית המדרש, והתעניין בסדר בניית המקוה והכשרתה. אחר כך עבר לבנין הצמוד העומד לשמש עבור הדארמיטארי לבחורי הישיבה, ופניו קרנו הוד בראותו התקדמות מלאכת העבודה בבנין החדש. **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו להעסקנים הדגולים שיחי' שתשרה שכינה במעשה ידיהם מתוך ברכה והצלחה, לראות הבנין על תילה בנויה לשם ולתפארת.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לטובת הכולל בוומסב"ג, שהתקיים בבית הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי אזא חשובע מסיבה, פאר די החזקה פונעם כולל, יונגעלייט וואס זענען זיך ממית באהלה

של תורה. עס איז אין שטוב פון ר' וואלף זאל זיין געזונט, וואס טוט אזויפיל צדקה וחסד, א עסקן פאר יעדע דבר שבקדושה. עס איז לעילוי נשמת פון זיין מוטער ע"ה, מכבדו בחייו ומכבדו במותו (קידושין לא:), עלטערן דארף מען מכבד זיין ביים לעבן, און מען דארף זיי מכבד זיין ווען זיי גייען אוועק פון די וועלט. מכבדו במותו איז אינגאנצן דא צוויי מצות, מיט וואס מען קען מכבד זיין עלטערן. מיט צדקה, וואס איז נוגע אפילו פאר מתים אויך, אזוי שטייט אין די פוסקים (עיין **רמ"א** או"ח סוף סימן תרכא) אז עס איז א כפרה לחיים ולמתים. און לימוד התורה, אז מען לערנט תורה לעילוי נשמתה, איז עס א עליה פאר די נשמה. מען געפונט נישט ביי אנדערע זאכען, אז א מענטש זאל שאקלען לולב, און ער מאכט עס לעילוי נשמת פון זיינע עלטערן. אוודאי איז אלץ דא א עילוי נשמה פאר די עלטערן וואס האבן געברענגט דאס קינד אויף דער וועלט, וואס איז א אטאמאטישע חלק אז עס ווערט גערעכנט ווי זיי דינען דעם אייבערשטען. אבער צו קענען טון א זאך פאר די עילוי פון א נשמה, איז בעיקר געשטעלט אויף צדקה און אויף תורה. און כל שכן ווען מען רעדט פון א צדקה וואס איז מיט תורה צוזאמען, האט עס אוודאי א געוואלדיגע עילוי, עס זאל זיין לעילוי נשמתה.

*

**איך** וועל זאגען א ווארט לכבוד די מסיבה, עס איז דא א מעשה אין די גמרא (תענית כה.), אז רבי חנינא בן דוסא האט געלעבט זייער ארעם, און דאס ווייב האט אים געמוטשעט אז ער זאל זעהן אויסצו'פועל'ן אין הימל, אז מען זאל אים עפעס שיקן, ער זאל האבן פון וואס צו לעבן. רבי חנינא בן דוסא האט מתפלל געווען, און עס איז ארויסגעקומען א האנט פון הימל, און עס האט אים געגעבן א גאלדענעם פוס פון א טיש, און ער האט עס מקבל געווען. נאכדעם האט ער געזעהן אין חלום, [עס איז א מחלוקת אין די ראשונים די גירסא אין די גמרא, ווער עס האט געזעהן דעם חלום, צו רבי חנינא בן דוסא האט עס געזעהן, צו זיין ווייב האט עס געזעהן], ווי די צדיקים אויבן אין הימל זיצט יעדער איינער ביי א טיש פון דריי פוס, און זיי זענען געזעצן ביי א טיש פון צוויי פוס. האט זי געזאגט פאר רבי חנינא בן דוסא, אזוי וועלן מיר אויסקוקן לעתיד? יעדער וועט זיצען ביי א גאנצען טיש, און אונז וועל מיר זיצען ביי א טיש וואס איז חסר? האט ער געפרעגט, וואס זאל איך טון, איך האב דאך שוין באקומען. האט זי געזאגט, געב עס צוריק. איז ער געגאנגען און ער האט עס צוריקגעגעבן, און א האנט האט עס צוריק צוגענומען. די גמרא זאגט, גדול נס האחרון יותר מן הראשון, עס איז גרעסער דער נס, ווייל אין הימל גיט מען, און מען נעמט נישט צוריק. און דא האט מען צוריקגענומען.

**אין יערות דבש** (ח"א דרוש ד', ח"ב דרוש י') איז דא א שמועס אויף די גמרא, וואס איז דער ענין אז ער האט געזעהן א טיש פון דריי פוס, און צוויי פוס. און נאכדעם האט ער געבעטן, און מען האט עס צוריקגענומען. ער זאגט על פי דרכו, אז די וועלט שטייט אויף דריי עמודים, תורה עבודה און גמילות חסדים. תורה און עבודה האט רבי חנינא בן דוסא מיט זיין רעבעצין געקענט טון, אבער גמילות חסדים האבן זיי נישט געקענט טון. האבן זיי געבעטן פונעם אייבערשטען, אז ער זאל זיי געבן א שפע, זיי זאלן קענען טון גמילות חסדים. נאכדעם האבן זיי געזעהן אז עס קאסט זיי דאס פוס פונעם טיש, האבן זיי עס צוריקגעגעבן. ער זאגט א ביאור דערויף.

**איך** האב געטראכט נאך א נקודה דערין, עס שטייט אין **דרשות חתם סופר** (החדש ח"ג דף קס), אין פרשת בהעלותך (במדבר יב-ב) שטייט, אז אהרן און מרים האבן גערעדט אויף משה רבינו, און דער אייבערשטער האט זיך אנגענומען פאר משה רבינו. זיי האבן געזאגט, נישט נאר צו משה האט דער אייבערשטער גערעדט, הלא גם בנו דבר, דער אייבערשטער האט מיט אונז אויך גערעדט. און דער אייבערשטער האט געזאגט, ניין, זייטס ענק נישט מדמה צו משה רבינו, לא כן עבדי משה, בכל ביתי נאמן הוא. שטעלט זיך דער חתם סופר, וואס האבן זיי געהאט א הוה אמינא זיך מדמה צו זיין צו משה רבינו. זיי האבן נישט געוואוסט אז משה רבינו איז דער רבן של ישראל, און אהרן און מרים זענען נישט אין די מדריגה?!

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, זיי האבן געוואוסט אז משה רבינו איז זייער גרויס אין תורה און עבודה, אבער מיט גמילות חסדים האט זיך משה רבינו נישט אפגעגעבן. משה רבינו איז געזעסן ביי זיך, און געלערנט תורה מיט יודען, און

אהרן איז געווען א אוהב שלום ורודף שלום (אבות א-יב), וואו ער האט געקענט אויסגראדען צווישן יודען, האט ער געטון גמילות חסד איינער מיטן צווייטען. און מרים איז אויך געווען די זעלבע ווי אהרן. און זיי האבן געהאלטן אז משה רבינו איז טאקע גרויס אין תורה, אבער עס פעלט אים דער אנדערער עמוד, און זיי האבן יא דעם אנדערן עמוד, און זיי קענען זיך פארמעסטן מיט משה רבינו. משה רבינו האט תורה, און זיי האבן גמילות חסדים, זיי זענען די זעלבע.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, אבער עס איז נישט אזוי. אויסער דעם וואס משה רבינו איז געווען רבן של ישראל, האט משה רבינו געהאט גמילות חסדים מער פון אהרן און מרים. ווייל די גמרא (תענית ט.) זאגט דאך, אז די פערציג יאר וואס יודען זענען געווען אין מדבר, און עס איז געפאלען מן, איז עס געווען אין זכות פון משה רבינו. קומט אויס, אז משה רבינו איז געווען דער גרעסטער בעל חסד אין יענעם דור, ער האט יעדן טאג געגעבן צו עסן פאר ששים רבוא יודען. ווי איז נאך דא אזא בעל חסד ווי משה רבינו. משה רבינו האט נישט געטיילט קיין געלט, אבער דער כח התורה פון משה רבינו, האט ממשיך געווען אזא שפע אויף דער וועלט, אז עס איז געווען גמילות חסדים אויך. האט דער אייבערשטער געזאגט, עטץ זענטס נישט אזוי ווי משה רבינו, משה רבינו בכל ביתי נאמן הוא, ער האט תורה און עבודה און גמילות חסדים, מער פון ענק צוזאמען. שטעלטס ענק נישט צו, צו משה רבינו. אזוי שטייט אין חתם סופר.

**זעהט** מען דאך, אז א תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט, אויסער דעם כח התורה וואס ער לערנט, איז ער מלא מיט גמילות חסדים. ווייל אין זכות פון זיין תורה, קומט אראפ א שפע אויף דער וועלט, האט ער דאך משפיע געווען דעם חסד אויף די וועלט. די גמרא (ברכות יז:) זאגט אויף רבי חנינא בן דוסא, כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, די גאנצע וועלט האט צו עסן נאר וועגן חנינא, וחנינא בני די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת. אזוי ווי רבי חנינא האט נישט געהאט, און ער האט אוועקגעגעבן זיין עסן פאר די וועלט, איז געווארן אזא השפעה אויף די וועלט, אז כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני.

**קומט** אויס, אז רבי חנינא מיט זיין רעבעצין האבן געקוקט אז זיי האבן נאר תורה מיט עבודה, און זיי האבן נישט קיין גמילות חסדים. האבן זיי געבעטן אז דער אייבערשטער זאל זיי געבן געלט, כדי זיי זאלן קענען טון גמילות חסדים. האט מען זיי געוויזען פון הימל, אז ניין, די צדיקים וואס זיצן ביי זיך אין שטוב און לערנען תורה, זיי זיצען אויבן ביי א טיש פון דריי פוס, זיי האבן תורה און עבודה און זיי האבן גמילות חסדים, זייי האבן חסד אויך. און דו וואס דו האסט באקומען דעם גאלדענעם פוס, וועסטו שוין נישט זיין פון די וואס איז די לו בקב חרובין, קומט אויס וועט פעלן פון דיין חסד, קומט אויס אז דו וועסט נישט האבן קיין גמילות חסדים, ווייל דו האסט צוגענומען דעם כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני. ביז יעצט אז דו האסט נישט געהאט, דו האסט געהאט א קב חרובין, און דיין זכות איז אריבער געגאנגען פארן גאנצן כלל ישראל, האסטו אויך געהאט גמילות חסדים, ווייל כל העולם כולו איז געווען ניזון בשביל חנינא בני. אבער אויב דו האסט שוין, און דו גייסט שוין לעבן ברייטער, דו קענסט שוין טיילען, קומט אויס, אז עס וועט דיר פעלן גמילות חסדים. האט מען אים געוויזען אז יעדער פון די צדיקים וואס האט נישט געהאט קיין געלט, און עס איז געווען די לו בקב חרובין, די האבן געהאט דריי פוס, און ער איז געבליבן נאר מיט צוויי פוס. האט ער געזאגט, דעמאלטס דארף איך נישט די גאנצע געלט. איך וויל דאך נאר טון גמילות חסדים. אויב איך קען טון גמילות חסדים מיט זיצען אין בית המדרש און לערנען, איז עס מיר אסאך גרעסער די גמילות חסדים וואס איך טו יעצט, ווי דאס וואס איך טו מיטן געלט. האט ער עס צוריקגעגעבן.

**די** נקודת הדברים איז, אז בני תורה וואס זיצען אין כולל און לערנען, מיינען אז זיי האבן נאר תורה, זיי האבן נאר עבודה, אבער די אמת איז אז זיי האבן גמילות חסדים אויך. ווייל כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, אזוי ווי זיי זיצען און לערנען, איז מיט זייער השפעה, וואס קומט אראפ דורך זייער תורה, טוען זיי חסד. זיי טוען נישט חסד מיט טיילען געלט, אבער פון הימל, אז מען גיט די סטימיולע"ס טשעק"ס, איז עס זייער זכות. זיי האבן צוגעברענגט דערצו, אז עס זאל זיין א שפע. קומט אויס, האבן זיי אלע דריי. זיי האבן תורה, און זיי האבן עבודה, און גמילות חסדים.

**ווען** איינער איז זיי מחזיק, איז ער נישט נאר מחזיק, אז ער האט געגעבן הונדערט דאלער פאר צדקה, נאר ער האט יעצט א חלק אין זייער תורה. און זייער תורה ברענגט דאך אראפ אז כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, איז דאס וואס ער האט זיי מחזיק געווען, ברענגט אראפ, אז זיי האבן א חלק אין א געוואלדיגע שפע פון גמילות חסדים, וואס קומט אראפ אויף די וועלט. עס איז געדאפלט דער חסד, עס איז נישט נאר מען האט געטון חסד אז מען האט אים מזכה געווען ער זאל קענען זיצען על התורה, זיין תורה איז דאך פארבינדען אז עס ברענגט אראפ א השפעה פון גמילות חסדים, און ווער ברענגט דעם גמילות חסדים, דער וואס איז זיי מחזיק, קומט אויס, אז ער האט א חלק נישט נאר אין זיין תורה, נאר זיין גמילות חסדים ווערט געדאפלט דורך דעם וואס מען איז מחזיק תורה.

**אז** מען קומט זיך צוזאם מחזיק צו זיין תורה, איז דאך עס תורה מיט גמילות חסדים צוזאמען, און אויף דעם שטייט דאך (פאה א-א), אלו דברים שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה, והקרן קיימת לו לעולם הבא. אויף דעם באצאלט דער אייבערשטער אויף דער וועלט אויך, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, עץ חיים היא למחזיקים בה, ותומכיה מאושר. דער באשעפער זאל העלפן, אז די אלע וואס זענען מחזיק תורה זאלן געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס תורה ברענגט מיט זיך מיט. תורה ברענגט דאך אלעס, עס איז נישט דא א זאך וואס איז דא אן תורה. מען זאל געבענטשט ווערן מיט כל מילי דמיטב, די שטוב זאל זיין א בית מלא פון ברכה, מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת חקת***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל אסיפת הרבנים שהתקיים בבית **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**, שמה דנו למשך זמן בענין גזירת החינוך בניו יארק.

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל מסיבת 'נחלתינו' לטובת הבנין החדש של הישיבה גדולה ההולך ונבנה לשם ולתפארת (בשכונת איסט פלעטבוש), שנערך לכלל אברכי אנ"ש בוומסב"ג, והתקיים בבית הר"ר **פנחס אבערלאנדער** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד האכסניא, רבי פנחס זאל זיין געזונט האט געמאכט זיין שטוב פאר א אכסניא של תורה, פאר החזקת התורה, יהי ביתך בית ועד לחכמים, (אבות א-ד) ער האט אוועקגעגעבן זיין שטוב די היינטיגע נאכט, פאר החזקת התורה. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה אז אלע ברכות וואס איז דא אין די תורה, און וואס תורה ברענגט מיט זיך, זאל אלעס מקוים ווערן אין דעם שטוב.

**די** וואך אין די פרשה איז דא די שירה פון דעם באר. באר חפרוה שרים, די באר וואס די שרים האבן געגראבן, כרוה נדיבי העם, די נדיבי העם האבן עס אויסגעגראבן, במחוקק במשענותם, וממדבר מתנה, וממתנה נחליאל (במדבר כא-יח). די צווייטע העלפט פון דעם פסוק, וממדבר מתנה וממתנה נחליאל דרשנ'ען חז"ל (עירובין נה.) אז עס גייט ארויף אויף תורה. 'וממדבר', ווען א יוד מאכט זיך הפקר פאר תורה, ער איז א מדבר, 'מתנה', גיט אים דער אייבערשטער די תורה במתנה. 'וממתנה', ווען ער איז זוכה צו די מתנה פונעם אייבערשטען אין תורה, 'נחליאל', נחלו א-ל, טוט אים דער אייבערשטער נוחל זיין, דער אייבערשטער טוט אים ירשנ'ען. עס איז נישט מבואר פונקטליך וואס דער פשט דערפון איז, אבער אזוי שטייט אין די גמרא.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די וועלט, א יששכר מיט א זבולון. א טייל פון כלל ישראל דארף זיצען באהלה של תורה, און א טייל פון כלל ישראל דארפען נישט זיצען באהלה של תורה, זיי דארפן ארויסגיין אויף די וועלט, און ברענגען פרנסה, און מחזיק זיין די לומדי תורה. אזוי איז געווען יששכר, וואס ער איז געזעסן און געלערנט, יששכר חמור גרם, רובץ בין המשפתים (בראשית מט-יד), און זבולון לחוף ימים ישכון, זבולון איז געפארן מיט שיפן, און געהאנדלט אויף די וועלט, ונותן לפיו של יששכר (ב"ר צט-ט), און ער האט אויסגעהאלטן יששכר. און חלק כחלק יאכלו, אויף דעם שטייט אין פסוק (קהלת ז-יב) בצל החכמה בצל הכסף, און ווי עס שטייט אין חז"ל (פסחים נג:), אז די בצל הכסף, די וואס געבן געלט

פאר תורה, בצל החכמה, וועלן זיין לעתיד לבוא אין די זעלבע צל, אין די זעלבע היכל, ווי די וואס לערנען תורה.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** פ' תולדות צט.) שרייבט, יצחק האט געהאט צווי קינדער, יעקב מיט עשו. און ער האט געוואוסט ווער יעקב איז, אז ער איז א איש תם יושב אהלים (בראשית כה-כז), ער זיצט און לערנט. און עשו אפילו ער האט אים אויסגענארט, כי ציד בפיו, אבער ער האט געוואוסט אז ער זיצט נישט אין בית המדרש און לערנט, עס איז געווען כי ציד בפיו, עשו האט אים געברענגט צו עסן, און יעקב נישט. און ווען עס איז געקומען צו געבן די ברכות, וויל ער געבן אלע ברכות פאר עשו. זו תורה וזו שכרה?! יעקב זיצט און לערנט, ער איז א איש תם יושב אהלים, און ער נעמט די ברכות, און ער וויל עס אוועקגעבן פאר עשו. און רבקה אמנו האט געדארפט מאכען א גאנצע דריידל, און זי האט צוגענומען די ברכות פון עשו, און אוועקגעגעבן פאר יעקב?!

**יצחק** האט געהאט א חשבון. יצחק האט געזעהן אז יעקב איז א איש תם יושב אהלים, ער זיצט און לערנט, ער דינט דעם אייבערשטען, ער האט אים נישט געוואלט ארויס נעמען פון בית המדרש, בלייב לערנען, איך וועל דיר צושטעלן דיין ברודער עשו, א גרויסער עושר, און יצחק האט געהאלטן אז עשו איז אויך א ערליכער, און דיין ברודער עשו וועט דיך אויסהאלטן, ער וועט דיר געבן אלעס וואס דו דארפסט האבן, כדי דו זאלסט קענען זיצען און לערנען. די חשבון פון יצחק איז געווען, אז ער גייט מאכען אז יעקב וועט זיין דער יששכר, און עשו וועט זיין דער זבולון. און ווען עשו וואלט געווען א ערליכער, וואלט עס געווען זייער א גוטער חשבון, עשו וואלט אויסגעהאלטן יעקב. רבקה אמנו האט אבער געוואוסט אז עשו האלט ביי גארנישט, און ווען צו אים וועט אנקומען די ברכות, וועט פון דעם יעקב נישט זעהן קיין פרוטה. עשו איז נישט גרייט אויסצוהאלטן תורה, ער איז דער גרעסטער שונא פאר תורה. האט זי געזעהן אז מען מוז מאכען אז פון יעקב אליין זאל זיין א יששכר מיט א זבולון, מען זאל נישט זיין אנגעוויזען אויף עשו. יעקב זאל יא באקומען די ברכות, און די קינדער פון יעקב וועלן זיך שוין צוטיילן יששכר און זבולון, איינער וועט אויסהאלטן דעם צווייטען.

**נישט** יעדער איינער האט די זכיה צו זיין באהלה של תורה, אבער יעדער האט די זכיה צו זיין א מחזיק תורה. ארויסהעלפן פאר תורה, דאס האט יעדער איינער, איינער מער איינער ווייניגער. און דאס איז די עבודה פון א יוד, אז מען קען נישט זיצען אליין באהלה של תורה, דארף מען זעהן אויסצוהאלטן אז די תורה זאל בליען. און בצל החכמה בצל הכסף, לעתיד זיצען זיי אין איין צל, דער תלמיד חכם מיט דעם מחזיק תורה. עס מיינט נישט אז דער מחזיק תורה וועט זיצען דארט אין איין צל, און ער וועט נישט פארשטיין וואס מען לערנט, דאס איז נישט קיין גן עדן, דאס איז ביי אים א גיהנם. עס שטייט אין הייליגע ספרים (עיין **הפלאה** בפתחא זעירא על מסכת כתובות אות לט, **ובנחל קדומים להחיד"א** פרשת בהעלותך), אז אויף יענע וועלט לערנט מען אויס דעם מחזיק תורה ער זאל פארשטיין תורה, כדי ער זאל קענען נהנה זיין. אזוי ווי דער תלמיד חכם איז נהנה פון זיין תורה, זאל דער מחזיק תורה אויך זוכה זיין דערצו.

**די** זכות פון דעם מחזיק תורה איז, אז דער אייבערשטער באצאלט צוריק, עץ חיים היא למחזיקים בה, ותומכיה מאושר, נישט נאר אויף עולם הבא, נאר אויך אין עולם הזה. עשר תעשר, עשר בשביל שתתעשר, ווען א יוד גיט אוועק פאר תורה, די תורה בלייבט פאר קיינעם נישט שולדיג, עס ווערט צוריקבאצאלט אויף אסאך א גרינגערן וועג ווי מען טראכט. כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג-ה), געוועגליך לערנט מען, אז המקבל עליו עול תורה מיינט דער תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט, נעמט מען פון אים אוועק עול מלכות ועול דרך ארץ. איך מיין אז דער פשט דערפון איז, אפילו דער זבולון וואס ער נעמט אויף זיך עול תורה, ער נעמט אויף זיך א עול מחזיק צו זיין תורה, מעבירין ממנו עול מלכות, ער האט נישט צו טון מיט די רעגירונג שפעטער, ועול דרך ארץ, דער אייבערשטער העלפט אז די פרנסה זאל אים גיין גרינגער. עס איז דא כמה דרכים וואס יעדער וואס איז אביסל אין ביזנעס ווייסט, עס איז דא זאכען וואס מען וואלט געקענט פארשפארן אזויפיל עגמת נפש, און אסאך מאל האט מען נישט די מנוחת הנפש, און זאכען וואס וואלט געקענט גיין גרינג, און עס ווערט אסאך מאל צוגענומען. אבער ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, פירט מען פון הימל,

מען שטעלט אים צו, אז ער זאל נישט דארפן האבן קיין עול מלכות און עול דרך ארץ, מען באצאלט וואס מען טוט פאר תורה.

**'באר** חפרוה שרים', די תורה איז א באר, א באר מים, אין מים אלא תורה (בבא קמא פב.). ווער גראבט די תורה, ווער זענען די וואס גראבן אויף דעם באר, 'חפרוה שרים', דאס איז די שרי תורה, זיי טוען חופר זיין דעם באר. אבער 'כרוה', זיי קענען עס אויך אויסגראבן, 'נדיבי העם', נישט נאר די שרים טוען גראבן דעם באר, די שרים אליין קענען לערנען תורה, אבער אויב עס איז נישט דא קיין מחזיק תורה, איז נישט דא קיין תורה. כרוה נדיבי העם, די נדיבי העם, די טוען אויך אפקויפען די תורה, און גראבן די באר פון די תורה. באר חפרוה שרים, דאס זענען די יששכר, און כרוה נדיבי העם, דאס זענען די זבולון. 'במחוקק במשענותם', עס איז דא דער מחוקק, דאס איז דער תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט די חוקי התורה. און עס איז דא במשענותם, דער וואס טוט זיי אונטערלאנען, דאס איז דער זבולון.

**זאגט** ער ווייטער, וממדבר מתנה, וממתנה נחליאל. פאר דעם תלמיד חכם זאגט מען, ער דארף זיך מאכען ווי א מדבר, גיט אים דער אייבערשטער די תורה במתנה. און מען רעדט אויך פריער פוןביידע, מען רעדט אויך פון דעם זבולון, איז דער פשט, 'וממדבר', דער זבולון וואס איז זיך מפקיר אזוי ווי א מדבר פאר תורה, ער איז גרייט אוועקצוגעבן פאר תורה, 'מתנה', גיט אים דער אייבערשטער מתנות. דער באשפער גיט אים אז אין זיינע געשעפטן באקומט ער די מתנה. דו זאלסט נישט מיינען אז די מתנה קומט אן שווער, 'וממתנה', אז דו ביסט זוכה צו א מתנה פונעם אייבערשטען, 'נחליאל', באקומסטו עס ווי א נחלה. אויף א ירושה פלאגט זיך נישט א מענטש, א ירושה באקומט ער פון איין מינוט אויף די צווייטע, וממתנה, אז מען איז זוכה צו די מתנה פונעם אייבערשטען, נחלו א-ל, גיט אים דער אייבערשטער די מתנה ווי א נחלה, אז ער זאל זיך נישט דארפן דערויף פלאגן.

**מען** רעדט דאך צו גוטע פריינט, מען האט געוואוסט צו וואס מען קומט, און פון דעסטוועגן דאך איז מען געקומען, ווייל מען וויל האבן א חלק אין די תורה, מען וויל מחזיק זיין תורה. אפילו עס קומט אסאך מאל אן שווער וואס מען טוט, אבער מען דארף זיך פארלאזן אז דער אייבערשטער שיקט אריין א ברכה נאכדעם, און עס איז מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. אז דו וועסט נעמען אויף דיר א עול פון תורה, א עול איז טייטש ווען עס קומט נישט אן גרינג, און מען נעמט עס דאך אויף זיך, וועט דער אייבערשטער העלפן אז מען האט גרינג אנדערע זאכען וואס עס פעלט אויס. און עס איז נחלו א-ל, כפשוטו, ער ווערט א נחלה פונעם אייבערשטען, ער האט א חלק אין די תורה. און דער באשפער באצאלט אים ממדבר מתנה, דער באשפער גיט אים זיין מתנה, אזוי ווי מען באקומט א ירושה גרינגערהייט.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען ווייטער אויך האבן א חלק אין תורה, און מחזיק זיין תורה. מען האלט ממש ביי די לעצטע שטאפעל אז מען זאל קענען ענדיגען דעם בנין, אז מען זאל קענען אריינגיין לערנען דערין. עס איז א זכות וואס בלייבט אויף אייביג, א בנין שטייט דאך, עס איז נישט א זאך וואס מען עסט עס אויף. און ביז משיח וועט קומען אי"ה, אונז האף מיר אז מיר וועלן שוין נישט גיין אין א אנדערן גלות פון גלות אמעריקא, און מען וועט זיצען און לערנען תורה ביז ביאת משיח. זאלן מיר אלע זוכה זיין, אז די זכות פון תורה זאל אויף אונז מגין זיין, אונז זאל מיר געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס מיר דארפן האבן, און אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **אברהם דוב מאנדעל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב קאליש** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת חקת***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למחנה מתיבתא נחלת יעקב לשהות שם במשך הקיץ, ביחד עם בחורי ישיבתנו הק'.